# 30 יאר פון גבאות:

א שמועס מיט'ן נאמן ביתו און באליבטער אייניקל וועלכער האט באדינט דעם חשוב'ן גאון פאר 30 יאר אין איין צי,

# הר"ר אריה קנייבסקי שליט"א

**איינער פון די נענטסטע מענטשן וועלכער האבן אין די לעצטע 20-30 יאר געאטעמט דעם גרויסן גאון און הייליגן שר התורה הגר"ח קנייבסקי זצוק"ל איז אן קיין צווייפל זיין לאנגיעריגער גבאי הר"ר אריה קנייבסקי שליט"א, אדער ווי די באי ביתו קענען אים בלשון חיבה אלס 'אריה'.**



**הר"ר אריה איז א זון פון הגר"ח זצוק"ל'ס עלטסטן זון. זיין פאטער יבלחט"א הרה"ג ר' אברהם ישעי' שליט"א, בנו בכורו פון הגר"ח און נכד חביבו פון דעם סטייפלער גאון זצ"ל, וועלכער הייסט על שמו פון דעם הייליגן חזון איש, איז אן עכטער הולך בדרכי אבות, און טראץ זיין באשיידן געשטעל זאגן יודעי דבר אז אויך ער האלט אן דעם מנהג פון מסיים זיין ש"ס און חלקים אין כל התורה כולה יאר-יערליך, ווי זיין גרויסער פאטער האט זיך געפירט כל ימיו.**

ווען די ביטערע בשורה איבער'ן פלוצלינדיגן הסתלקות פונעם גרויסן גאון ושר התורה האט אונז דערגרייכט, און גלייבנדיג אז עס וועט זיך פאדערן אז מיר זאלן ברענגען פאר די לייענער א שטיקל אינערליכן בליק אויפ'ן גאון זצ"ל, איז אונז גלייך ארויפגעקומען אויפ'ן געדאנק צו כאפן א שטיקל שמועס מיט זיין אייניקל און לאנגיעריגן גבאי הר"ר אריה, די שאלה איז נאר געווען צי די אומשטענדן ערלויבן אזא זאך.

**נאך עטליכע שעה פון אנגייענדע און אינטענסיווע באמיאונגען האבן מיר זיך געטראפן רעדן מיט אים ווען, אויפ'ן טעלעפאן געפינט זיך אויך דער גבאי דגבאי הר"ר ישראל וואלאך הי"ו, וועלכער איז אויך אן אייניקל פון הגר"ח זצוק"ל און האט פאר לאנגע יארן געדינט אלס גבאי נאמן אין שטוב פון הגר"ח, העלפנדיג זיין שוואגער הר"ר אריה מיט דער עבודת הק'.**

דער קורצער אבער תוכנ'דיגער שמועס ווערט אפגעהאלטן נאך דער ערשטער אשמורה פון דער מוצאי שבת נאכט, געציילטע שעה'ן איידער דער מסע הלויה גייט ארויסגיין און די וועלט גייט זיך צום לעצטן מאל געזעגענען מיט'ן געהויבענעם און לעכטיגן דמות וועלכער האט באשיינט און באלאכטן כלל ישראל מיט זיין כח התורה פאר גאנצע 94 יאר און משפיע געווען פון זיין קדושה פאר גאנץ כלל ישראל.

**אלטר שמואל טאמבור**

„דער זיידע זצ"ל האט נישט געוואוסט פון עפעס אנדערש אויסער תורה!"



## כלל ישראל שטייט אין זיינע שווערסטע מאמענטן נאכ׳ן פארלירן אזא אבידה. די אבידה איז א כללות׳דיגע, אבער פאר אייך איז עס א פערזענליכע אבידה. וואס קענט איר אונז זאגן אין אזא צייט?

מה נאמר ומה נדבר! עס איז אן אבידה שאין לה תמורה! נאך אזויפיל יארן פון זיין נאנט צו אים איז שווער זיך צו שיידן. עס איז ליידער נישט דא וואס צו זאגן.

## אלס איינער וואס האט מיטגעלעבט אזויפיל יארן ביים זיידן, וואס קענט איר אונז דערציילן אין קורצן איבער אים?

מען קען דערציילן זייער אסאך און יעצט איז נישט די צייט מאריך צו זיין צופיל. אבער ווען מען דארף מאכן א סך הכל איבער זיין גרויסן דמות, קען מען זאגן אין איין ווארט אז אין זיין פריוואט לעבן האט נישט עקזיסטירט עפעס אנדערש ווי תורה.

אלעס, אבער אלעס, האט זיך געדרייט ארום תורה. איך פלעג זיך דרייען דארט די אלע יארן און כ׳קען מעיד זיין אז האסט געקענט שטיין נעבן אים אדער זיך דרייען ארום אים, ער האט גארנישט געהערט און עס האט אים גארנישט אינטערעסירט אויסער תורה.

עס האט זיך אסאך מאל געמאכט אז מען האט געדארפט איינרעכטן די שטוב מיט זאכן, צב״ש בויען עפעס, מען האט געקענט קנאקן און זעצן אבער ער האט גארנישט געהערט.

דאס איז בכללות, אבער בפרטיות, לאמיר אנכאפן אזעלכע זאכן וואס זענען בעצם דברים פשוטים אבער עס גיט ארויס מער ווי אלעס זיין נאנטקייט און קשר צו תורה.

א ביישפיל איז דער נושא פון עסן. עס האט נישט עקזיסטירט אזא זאך ווי עסן. אז דו האסט אים געברענגט עפעס און עס איז געווען די צייט פון עסן האט ער עס געגעסן, אבער אויסער דעם פאקט אז ער האט עס געגעסן האט ער ניטאמאל געהאט אן אנונג וואס ער עסט.

ער האט קיינמאל נישט געגעסן מער ווי ער האט געשפירט אז ער דארף זיך צום זעטיגן. דער מושג אז עס איז דא עסן אין טעלער און מען דארף עס אויסליידיגן האט נישט עקזיסטירט. אז ער האט געשפירט אז ער האט שוין געגעסן גענוג, האט ער מער נישט געגעסן.



אויב עס איז געווען איין זאך וואס עס האט אים אינטערעסירט אין עסן איז עס געווען דער נושא פון ברכה. ער פלעגט זיך קענען אינטערעסירן איבער א מאכל פון וואס עס איז צוזאמגעשטעלט און וואס ליגט אלץ דערינען ווייל ער האט געוואלט ארויסהאבן וואספארא ברכה מען דארף מאכן דערויף, אויב עס איז געווען א מאכל וואס איז געווען מורכב פון עטליכע זאכן.

און דאס איז פשוט אז יעדעס מאל ווען ער האט געגעסן איז ער געזעסן מיט א ספר ביים טיש און געלערנט, אויסנוצנדיג די צייט אויף תורה.

איך געדענק אז אמאל האט ער איבערגעלאזט אסאך עסן אין טעלער. האב איך אים געפרעגט, ״פארוואס עסט נישט דער זיידע?״ האט ער מיר געגעבן א זאג, ״שוין 84 יאר עס איך דעם אפיקומן [אזוי אלט איז ער דעמאלט געווען]; ווי אזוי קענסטו זאגן אז איך עס נישט?״

ער האט עס מלבש געווען אין א ווערטל, אבער ווי געשמועסט האט ער אלעמאל געגעסן צו דער זעט און קיינמאל נישט געמאכט קיין ווען פון דעם.

## עס איז דא א מעשה וואס מען דערציילט איבער א שאקאלאד. איז די מעשה אמת?

איר מיינט די מעשה אז ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז? יא.

מעשה שהיה אז ער האט זיך אמאל באקלאגט אז ער האט א ביטערן טעם אין מויל. מען האט געטראכט וואס מען קען טון, איז איינעם בייגעפאלן אז מען וועט אים אראפלייגן א שאקאלאד אויפ׳ן טיש. מען האט עס אים געגעבן זאגנדיג אז דאס קען אוועקנעמען די ביטערקייט פון זיין מויל. ער האט עס באטראכט, און נאכ׳ן פרעגן וועלכע ברכה מ׳מאכט אויף דעם האט ער געפרעגט ווי אזוי מען עסט עס, צי מען עסט עס גאנץ אדער מען צעמאלט עס... ער האט נישט געוואוסט וואס דאס איז בכלל.

אז מען רעדט שוין ווי ווייניג דער עולם הזה האט פארנומען א פלאץ ביי אים און וויאזוי ער האט זיך באנוצט מיט דער וועלט בלויז אויפ׳ן מינימום, קען איך מעיד זיין אז די זעלבע זאך איז אויך געווען ביים שלאפן.

כל ימיו איז ער ווייניג געשלאפן. אז ער פלעגט ווערן מיד האט ער זיך געקענט אראפלייגן אינמיטן טאג, אסאך מאל האט ער זיך אראפגעלייגט אין די נאכמיטאג שעה׳ן, אבער יעדעס מאל איידער ער האט זיך אראפגעלייגט האט ער אויסגערעכנט ווי מיד ער איז און וויפיל

צייט עס פאדערט אים צו שלאפן.

אז ער האט אויסגערעכנט אז עס פאדערט זיך אים צוואנציג מינוט שלאף, האט ער געבעטן אז נאך צוואנציג מינוט זאל מען אים אויפוועקן; אז ער האט גערעכנט אז עס פאדערט אים פינף און צוואנציג מינוט, האט ער געבעטן מען זאל אים אויפוועקן נאך פינף און צוואנציג מינוט. און איך קען מעיד זיין אז אין לויף פון די דרייסיג יאר וואס איך האב זיך געדרייט ביי אים אין שטוב האט קיינמאל, אבער קיינמאל, נישט פאסירט אז ווען כ'וועק אים אויף זאל ער בלייבן אפילו אויף א סעקונדע אין בעט.

בנוהג שבעולם אז ווען מ'שלאפט, און בפרט ווען מען איז שוין אין די עלטערע יארן און מען איז שוואך, וועט מען אמאל בלייבן אין בעט נאך פינף מינוט, אפילו נאר אויף א מינוט, אבער ביי אים האט עס קיינמאל נישט פאסירט. אלעמאל, אויך אויף דער עלטער, האט ער זיך מתגבר געווען כארי און איז אויפגעשטאנען פון שלאף אויף דער מינוט.

## דער איש ה'שניי

מענין לענין באותו ענין מישט זיך אריין דער שוואגער הר"ר ישראל און רעדט פונעם שקיעות בתורה און ווי אזוי זיין מח איז געווען אנגעשטעלט אויף תורה און אז אנדערע זאכן זענען פשוט נישט אריין אין קאפ.

עס האבן זיך געדרייט ביי אים אסאך מענטשן. עטליכע זענען געקומען וועגן שאלות אדער וועגן ברכות, אבער אזוי לאנג ווי דו ביסט נישט געקומען צו אים וועגן תורה, ביסטו נישט אריין אין קאפ, האסט אים געקענט זאגן דיין נאמען טויזנט מאל, ער האט פשוט נישט קולט געווען ווער דו ביסט, מה שאין כן אז דער קשר איז געווען א תורה'דיגער קשר ביסטו אים אריין אין קאפ איינס-צוויי, ווייל דער קאפ איז אים געווען אפן נאר פאר תורה.

איך בין א צוגעקומענער אייניקל, פארציילט הר"ר ישראל. איך בין אהין געקומען צו העלפן מיין חשוב'ן שוואגער ר' אריה, און טראץ וואס איך האב זיך געדרייט ביי אים אן קיין אויפהער האט ער קיינמאל נישט אויפגעכאפט ווער איך בין. אמאל איז אויסגעפאלן מיין רייע צו עסן ביי אים די שבת סעודה אינדערפרי, און ביי דער סעודה האט ער מיך געפרעגט ווער איך בין. איך האב אים געזאגט אז כ'דריי זיך דא אז כ'בין זיינער א צוגעקומענער אייניקל. האט ער זיך געגעבן א רוף אן אז ער דערקענט מיך נישט, און בדרך צחות צוגעלייגט אז כידוע האט א תלמיד חכם טביעות עין און ער דערקענט אויף טביעות עין, אבער ליידער איז ער נישט קיין תלמיד חכם...



דאקעגן איז געווען א איד וואס האט פארפאסט א ספר וואס האט זיך גערעדט איבער די שאלות וואס קענען זיך טרעפן ביי שניי, סיי ווען עס פאלט שבת אדער עס פאלט אינדערוואכן. דער איד האט זיך אסאך געשריבן מיט'ן זיידן זצ"ל, און ווייל דער קשר איז געווען א תורה'דיגער האט ער אים געדענקט. ווען ער פלעגט ארויפקומען אין שטוב האט אים דער זיידע דערקענט און זיך אנגערופן בדרך צחות אז דער 'שניי-מענטש' איז דא...

דער זעלבער געדאנק איז אויך געווען נוגע לגבי דעם מעגל השנה. דאס יאר ביים זיידן זצ"ל האט זיך געדרייט ארום דער גמרא און ארום די סוגיות. אז ער איז אנגעקומען צו קידושין האט ער געוואוסט אז אט אט קומט צוגיין ראש השנה, אדער אז ער ענדיגט שוין ש"ס איז א סימן אז מען רירט שוין אן פורים און נאכדעם גייט קומען פסח און אזוי ווייטער.

אויך די זכרונות זענען אים געלעגן לויט דער מסכתא. אין דער פטירה פון חזון איש זצ"ל, צו וועמען ער איז געווען אויסטערליש נאנט, האט ער זיך דערמאנט דורך דער מסכתא, און אזוי אויך אין דער לעצטער צייט בנוגע דער יארצייט פון דער רביצין בת שבע ע"ה, און נאך אזעלכע זאכן.

עס איז אויך אזוי געווען ביי די שמחות. א געבורטסטאג ביי א קינד אדער פון אן אייניקל איז נישט געווען לויט'ן טאג נאר לויט דער מסכתא, ווי אז דו ביסט פסחים דף ח' אדער נזיר דף י"ג, ווייל עס האט נישט עקזיסטירט אין דער וועלט עפעס אנדערש ווי תורה און די לימודים וואס ער האט געלערנט.

## איז ריכטיג וואס מען דערציילט אז ער האט געהאט א שטארקן הומאר און א שמחה?

יא, עס איז ריכטיג. ער האט ליב געהאט א גוט ווארט, צו מאכן א ווערטל, אבער ביתר שאת האסטו געקענט זען אויף אים א זעלטענע שמחת החיים. ער איז אלעמאל געווען גוט אויפגעלייגט און זיך זעלטן אפגערעדט.

ער פלעגט אויך נישט זאגן קיין הערות פאר מענטשן, מיט אן אויסנאם פון די קביעות'דיגע הערות וואס ער האט אייביג געהאט, ווי אז ער האט נישט געקענט דערליידן קיין האנט-זייגערס אדער אז מען גייט מיט טשופיקעס. ער פלעגט כסדר זאגן פאר מענטשן זיך אפצושערן לכבוד שבת אדער לכבוד יום טוב. ער האט נישט געקענט צוקוקן ווי מען גייט מיט גרויסע האר.

## איר האט זוכה געווען אים משמש צו זיין אסאך יארן. פון ווען האט זיך אנגעהויבן די קירבה?

עס זענען געווען פארשידענע דרגות. בראש ובראשונה בין איך אן אייניקל און צוליב דעם פלעג איך מיך אסאך דרייען ביים זיידן אין שטוב. אויך וויפיל כ'געדענק האט זיך דאס שמשות אנגעהויבן ביי די ניין יאר אלט. איך בין נאך געווען א קינד און דעמאלט האב איך נאר צוגעלייגט א האנט, העלפנדיג די באבע ע"ה מיט'ן זיידן, אבער באופן קבוע זענען מיר אריינגעקומען אין בילד צוואנציג יאר צוריק אנצופירן די קבלת קהל.




במאמר המוסגר לייגט צו ר' ישראל איבער דער אויסשליסליכער אהבה וואס דער זיידע האט געהאט פאר זיין אייניקל אריה:

"עס איז געווען נאך שטוב-מענטשן, אבער צווישן אלעמען איז דער אייניקל אריה געווען דער באליבסטער. כל ימיו האט ער זיך דערווייטערט פון פאליטיק און איז געווען גאר געטריי פאר'ן זיידן און אים באדינט, און דער זיידע זצוק"ל האט זיך פארלאזט אויף אים מיט פארמאכטע אויגן."

ר' ישראל לייגט צו אז ער האט אמאל מיטגעהאלטן א שמועס פון דעם גרויסן עסקן הר"ר חנני' צולק שליט"א, יושב ראש פון עזר מציון, ווי ער קומט צו הגר"ח און בעט זיך ביי אים אז ער זאל אים באפרייען ר' אריה אויף אפאר טעג.

"איך וויל אים נוצן ארויסצופארן קיין אויסלאנד. אז דער אייניקל וועט קומען וועט מען קענען אויפטרייבן שיינע סומעס," האט ר' חנני' זיך איינגע'טענה'ט מיט אים. אבער דער גאון האט זיך נישט געלאזט זאגנדיג אז ער מוז אים האבן ביי אים.

די גוטע נאטורן און צוגעלאזנקייט פון הר"ר אריה איז געווען א שם דבר, און יעדער וואס האט געוואלט אריינגיין האט געוואוסט אז אריה איז דער בעסטער אדרעס ווייל אים האט דער זיידע ליב און שעצט אים.

"אין די שפעטערע יארן פלעגט ער יא פארן פון צייט צו צייט," לייגט צו ר' ישראל און באטאנט אויך די סיבה פארוואס.

"אין א געלעגענהייט האט אים דער גאון זצ"ל געלאזט רופן און געזאגט אז ער וויל אים בעטן עפעס. עס איז געווען א פלא ביים אייניקל, ווייל דער זיידע האט זייער זעלטן געבעטן עפעס.

דאן האט אים דער זיידע געזאגט זיין בקשה, אז אין דער וועלט זענען דא זייער אסאך ארגאניזאציעס, כלל ישראל טוט אסאך חסד, אבער אויב עס איז דא איין זאך וואס ער שפירט אז עס פעלט איז עס אן התעוררות איבער לערנען מוסר. ער האט אים דערביי געבעטן אז ער זאל גרינדן אן ארגאניזאציע וואס גיט זיך אפ מיט לערנען מוסר. כידוע איז איינער פון די ספרים וואס דער גאון האט געמאכט דער ספר ארחות יושר, וועלכער איז א מוסר ספר, און ווען מען האט געגרינדעט די ארגאניזאציע האט מען עס טאקע קורא שם געווען אויף די ספרים 'אורחות יושר'. דער ארגון הייסט נאך ביז היינט 'אורחות יושר', און עס איז דא דערינען אזויפיל ווי 35 טויזנט מענטשן וואס לערנען טאג-טעגליך מוסר, און היות אז עס קאסט אפ געלט פארט ער ארום נאך געלט דערפאר."

ווי ר' ישראל שמועסט אויס איז די בקשה פון דעם גרויסן גאון זצ"ל צו גרינדן די אורחות יושר באוועגונג געקומען נאך דער פטירה פון זיין פרוי מרת בת שבע קנייבסקי ע"ה, און היינט פארמאגט עס אויך א חלוקה אויף די ימים טובים און עס האלט אויך אויף א כולל בראשות זיין פאטער דער גאון רבי אברהם ישעי' קנייבסקי שליט"א. זינט די אלע זאכן ציען אריין אין גרויסע געלטער פלעגט ער יא אוועקפארן, און צומאל איז טאקע נישט געווען קיין קבלת קהל אין די צייטן ווען הר"ר אריה איז נישט געווען דאהי.

## דער 'מעשר' פון דעם גאון זצוק"ל פאר כלל ישראל

רעדנדיג וועגן דער קבלת קהל ביי וועלכער הר"ר אריה פלעגט שטיין אין שפיץ, דעקט אונז הר"ר אריה אויף נאך אן אינערליכן שיכט פון דעם גרויסן גאון, און דאס איז דאס גאונות אין חסד און גוטהארציגקייט פון דעם גרויסן זיידן זצ"ל.

דער נושא פון קבלת קהל איז פאר יארן לאנג געווען א זאך וואס איז געווען אביסל אומפארשטענדליך. ווער עס האט געקענט דעם מהות פון דעם זיידן האט געוואוסט אז ער איז געווען כולו תורה, אבער מיט דעם אלעם האט ער טאג-טעגליך אויפגענומען מענטשן און געענטפערט פאר הונדערטער בעצה ובישועה. צומאל האט מען ממש געקענט זען ווי דאס גאנצע פראווען שטערט אים, ער קען עס נישט דולדן, עס איז ביי אים ווי א לאסט, אבער מיט דעם אלעם האט ער עס געטון, און די סיבה דערפון איז וועגן חסד.

הר"ר אריה דעקט אויף א מורא'דיגער נקודה וועלכער שיילט ארויס זיין גרויסע גדלות און עניוות:

ער האט מיר מערערע מאל געזאגט אז ער ווייסט נישט צי ער האט עפעס א זכיה אויף דער וועלט, מען קען קיינמאל נישט וויסן וואס עס איז באמת חשוב אין הימל, און וועגן דעם וויל ער אויפנעמען אידן און טון א חסד מיט זיי, אפשר אז ער וועט זיך אפגעבן מיט אידן וועט ער האבן א זכות.

ער פלעגט צולייגן, "יעדער איד דארף דאך געבן מעשר פון זיין לעבן פאר השי"ת, און דאס איז מיין מעשר פאר כלל ישראל. אז אידן ווילן קומען זאלן זיי קומען, און מיר וועלן זיי אויסהערן און אנווינטשן און מיטלעבן מיט זייערע שוועריגקייטן."

כידוע האט ער אויך מהאי טעמא זיך געפירט צו ענטפערן אלע שאלות וואס מען האט אים געשיקט, אפילו אויב די פרעגער זענען געווען קליינע קינדער. דער מאטיוו פון חסד איז אים געלעגן פאר די אויגן און דאס איז געווען זיין וועזן און זיין שטרעבן.

מערערע מאל האט ער מיר געוויזן אז די שאלה וואס יענער פרעגט איז א בפירוש'ער משנה ברורה, אויסדרוקנדיג זיין וואונדער פארוואס יענער שיקט אים אזא שאלה אויב מען קען עס טרעפן בפירוש אין משנה ברורה. אבער דערנאך האט ער באטאנט אז דאס איז חסד און ער קויפט זיך איין מיט דעם א חסד פאר א איד.

## רעדנדיג פון משנה ברורה, אפשר קען מען הערן אביסל איבער זיין סדר היום און די יערליכע סיומים וואס ער פלעגט מאכן?

ווי באקאנט איז ער געווען א בכור, און אלס בכור האט ער יעדעס יאר ערב פסח געמאכט א סיום. דער סיום איז געווען אויף כל התורה כולה. לאמיר דא אויסרעכענען דעם סדר.

יאר-יערליך האט ער מסיים געווען תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, תנ"ך, ספרא, ספרי, תוספתא, ד' חלקי שלחן ערוך, און אורח חיים פלעגט צו זיין מיט משנה ברורה, זוהר הק', רמב"ם און אויך מדרש.

די מדרשים פלעגט ער בעיקר לערנען אין די שבתים.

ער האט געהאט אן אינטערעסאנטן סדר לגבי ש"ס. ער פלעגט לערנען תלמוד ירושלמי קעגן תלמוד בבלי, און דאס האט אים צומאל צוגעברענגט אז ער זאל האבן ווייניג צייט. ווי למשל נאך פסח פלעגט נישט זיין קבלת קהל, ווייל נאך פסח האט ער אנגעהויבן ש"ס פונדאסניי, און היות אויף סדר זרעים איז נישט דא קיין בבלי נאר אויף מסכת ברכות און ירושלמי איז דא אויפ'ן גאנצן סדר, איז אויסגעקומען אז ער האט געדארפט לערנען אסאך ירושלמי, אנצויאגן אלעס קעגן דעם בבלי וואס ער האט דעמאלט געלערנט, און דעריבער פלעגט ער אין די טעג נישט אויפנעמען קיין מענטשן.

עס האט זיך אויסגעשטעלט אז אויטאמאטיש האט ער אויך געענדיגט גאנץ ששה סדרי משנה, ווייל לערנענדיג אזויפיל האט ער נישט אנגעיאגט צו ענדיגן אלעס.

## איז עס ריכטיג אז אין אן עיבור-יאר פלעגט ער מחבר זיין א ספר?

יא, ער האט געהאט אזא מנהג אז אין אן עיבור-יאר פלעגט ער אויסנוצן דעם עקסטערן חודש.

## צי איז ריכטיג וואס מען זאגט אז ער איז אוועק פונקט נאכ'ן ענדיגן די יערליכע לימודים?

איך האב געהערט פון דער שמועה. עס זענען דא אזעלכע וואס זאגן אז ווען עס איז נישט אן עיבור-יאר וואלט אויסגעקומען אז ער איז נסתלק געווארן פון דער וועלט פונקט אין דער זעלבער צייט ווען ער פלעגט צו מאכן דעם יערליכן סיום אדער א טאג שפעטער.

מיר זענען נישט אין הימל אבער עס קען זיין אז מען האט עס אזוי געפירט.

## רעדנדיג פון די ספרים, צי איז דא א חשבון וויפיל ספרים ער האט פארפאסט?

עס ווענדט זיך פון וועלכע ספרים דו רעדסט. עס זענען דא צוויי ערליי ספרים וואס ער פלעגט פארפאסן.

עס זענען דא די בריוו וואס ער האט געשריבן פאר מענטשן פריוואט – פון דעם איז דא אן א צאל. מען רעדט פון גאנצע בענדער וואס מען דארף נאך דרוקן. לעצטנס איז ערשינען צוויי ספרים פון כתבים וואס ער פלעגט זיך שרייבן מיט יבלחט"א דעם גרויסן גאון הגר"ד לאנדא שליט"א. מען רעדט פון איבער הונדערט לאנגע בריוו מיט טיפע תשובות. די ליסטע פון די סארט ספרים איז ענדלאז.

אבער ווען מען רעדט פון ספרים וואס ער האט אליין געשריבן איז יא דא א שטיקל חשבון.

כידוע האט ער שטארק ליב געהאט צו שרייבן ספרים דווקא אויף זאכן וואס זענען נישט אזוי באקאנט. דערויף האט ער געזען א שטארקער תועלת צו מאכן א ספר אז דער ציבור זאל האבן א מעגליכקייט צו קענען לערנען פון דעם און זיין אויסגעקאכט אין דעם נושא.

אין דעם שניט איז דא די בענדער פון 'דרך אמונה', וואס באשטייט פון 5 בענדער אויף זרעים אויפ'ן רמב"ם; עס איז דא דער 'שונה הלכות', וואו ער שטעלט צו די פסקים פון חזון איש צו דער משנה ברורה; עס איז דא דער ספר 'שקל הקודש' אויף די קאמפליצירטע דינים פון מחצית השקל און אויף קידוש החודש; עס איז דא דער ספר 'נחל איתן' אויף די דינים פון עגלה ערופה; דער ספר 'טעמא דקרא' אויף תנ"ך; ועוד ועוד ספרים וואס ער האט געשריבן במשך די יארן.

די צייט לויפט און הר"ר אריה גרייט זיך צו די לעצטע מאמענטן, און מיר שטעלן אים נאך די לעצטע שאלה וואס מיר ווילן פארלייגן פאר אים.

## די וועלט איז געכאפט געווארן אין א שאק פון דער פטירה. צי איז עס פאר ענק אויך געקומען ווי א טאטאלער שאק?

מען קען נישט נוצן די ווערטער א טאטאלער שאק. אין די לעצטערע וואכן איז ער געווען זייער שוואך. ער איז נישט געווען קראנק אבער שרעקליך אפגעשוואכט און ממש אין די לעצטע טעג האט ער געהאט שוועריגקייטן מיט'ן אטעמען.

ער איז אנגעגאנגען, אבער שוואכער ווי פאר דעם. ווי למשל ער האט נאך געהערט די מגילה, אבער עס איז אים שווער געווען דאס אנגיין, אבער מיט דעם אלעם האט מען נאך אלץ געהאט האפענונג אז ער וועט עס איבערלעבן, זיך ארויסדרייען פון דעם און זיך צוריקכאפן. אבער עס האט ליידער נישט פאסירט, מן השמים האט מען אנדערש געוואלט.

## צי האט ער געלאזט א צוואה?

ניין. דער מנהג ביי אונז איז מען לאזט נישט איבער קיין צוואה. די סיבה דערצו ווייס איך נישט, אבער אויף וויפיל כ'ווייס איז נישט דא קיין צוואה.

## צום שלום, עפעס א ווארט?

מען דאנקט השי"ת אז מען האט געהאט די זכיה די אלע יארן אים צו משמש זיין, און חבל על דאבדין. ווי אלע אידן האפט מען אז בקרוב ממש וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה שלימה און ארויסגיין פון גלות, און זוכה זיין צו תחיית המתים, און זאל זיין זכות מגין זיין אויף אונז אלע, זאל ער זיין א גוטער מליץ יושר פאר אונז.

